## מתוך דברות קודש

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### אצל שיעור פרקי אבות שב"ק פרשת קרח תשע"א - בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג

**ס'איז זומער!**, עס ברענט דער פייער פונעם יצר הרע, און די אלע נסיונות וואס דער זומער ברענגט מיט, זומער איז די מקור התאוה, די גאנצע תאוה קומט ארויס אין די צוויי חדשים במילואה, ס'איז א זמן פון פריקת עול, מען ערלויבט זיך צו טוהן זאכן וואס מען וואלט זיך נישט ערלויבט א גאנץ יאר אפילו צו רעדן, זומער טוט מען דאס במעשה.

**ס'שטייט** די וואך אין די סדרה ויקח קרח, זאגט די גמרא (סנהדרין קט:) שלקח מקח רע לעצמו. וואס איז פשט שלקח מקח רע לעצמו.

**קען** זיין אזוי, כ'וועל איבערזאגן א ווארט וואס כ'האב געזאגט יענע וואך ביי שלש סעודות, ביי די פרשה פון ציצית איז דא א רמז אין חתם סופר (פ' שלח עמוד עד) צ'יצית ע'ל כ'נפי ב'גדיהם, די ראשי תיבות איז בגימטריא יעק"ב, האב איך געקלערט קען זיין פשט אזוי, דער נועם מגדים (סו"פ שלח) ברענגט אראפ פון שולחן ערוך (או"ח סי' ח ס"ט ובטו"ז סק"ח ובמג"א שם) צ'יצ"ת איז ראשי תיבות צ'דיק י'בדוק צ'יציותיו ת'מיד, א צדיק אן ירא שמים איז בודק זיין ציצית שטענדיג, אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך.

**לייגט** דער נועם מגדים צו, ציצית איז אויך ראשי תיבות צ'דיק י'ראה צ'יציותיו ת'מיד, עס שטייט ביי די נסיון פון יוסף הצדיק (בראשית לט יב) וינס ויצא החוצה, זאגט דער נועם מגדים אז יוסף הצדיק איז ניצול געווארן פון דעם ביטערן נסיון וואס ער האט געהאט דארט אין מצרים אין זכות פון מצות ציצית, נישט נאר אז ער איז געגאנגען אנגעטוהן מיט ציצית, נאר יוסף הצדיק איז אויך געגאנגען מיט די ציצית פונדרויסן, אין דעם זכות האט ער עומד געווען בנסיון, טייטש דער נועם מגדים וינס ויצא, יוסף הצדיק איז אנטלאפן, החוצה, דורכדעם וואס ער איז געגאנגען מיט די ציצית פונדרויסן.

**האב** איך געקלערט מוסיף צו זיין, ס'שטייט אין תפארת שלמה (סו"פ דברים) השליך משמים ארץ תפארת ישראל (איכה ב א), זאגט ער, אז בשעת אידן זענען אין גלות, מען דרייט זיך ארום אין טומאת ארץ העמים, השליך משמים ארץ, שיקט דער אייבערשטער אראפ, תפארת ישראל, יעקב אבינו, ער היט אפ אידן, און מיט זיין שמירה זענען אידן עומד בנסיון, אזוי ווי מיר געפונען טאקע ביי יוסף הצדיק (סוטה לו:) נראית לו דמות דיוקנו של אביו.

**דער** נועם מגדים דארט אין פ' שלח טייטשט וינס ויצא החוצה, ויצא איז ראשי תיבות ו'ירא י'וסף צ'ורת א'ביו, אזוי האט ער עומד געווען בנסיון. דער חתם סופר זאגט צ'יצית ע'ל כ'נפי ב'גדיהם, איז די ראשי תיבות בגימטריא יעק"ב. קען זיין אז די שמירה פון יעקב אבינו איז נאר אויב מען גייט מיט די ציצית פונדרויסען, לויט דעם קען זיין אז דאס איז מרומז אין פסוק וינס ויצא החוצה, ויצ"א איז ראשי תיבות ו'ילבש י'וסף א'ת צ'יציותיו החוצה, יוסף האט אנגעטוהן די ציצית פונדרויסן, און מיט דעם כח ו'ירא י'וסף צ'ורת א'ביו, איז געווען נראית לו דמות דיוקנו של אביו, און וינס, ער האט עומד געווען בנסיון.

**קרח** שטייט אין רש"י אז ער האט ליצנות געמאכט פון די מצות ציצית, לבש טלית שכולה תכלת וכו', נו אז ער האט ליצנות געמאכט פון ציצית, פארשטייט זיך אליינס אז ער איז נישט געגאנגען מיט די ציצית פונדרויסן, האט יעקב אבינו געזאגט בקהלם אל תחד כבודי (בראשית מט ו), עס זאל נישט דערמאנט ווערן מיין נאמען, ווייל אז מען גייט נישט מיט די ציצית פונדרויסן איז יעקב אבינו נישט דארט, וועגן דעם ויקח קרח, שלקח מקח רע לעצמו, די גמרא זאגט אין קידושין (דף ל:) אז דער יצר הרע ווערט אנגערופן רע, שיוצרו קראו רע, ווייל עס האט אים געפעלט די שמירה פון יעקב אבינו אנטקעגן דעם יצר הרע.

**ס'קומט זומער, אידן גייען ארויס אויף די גאס, מען פארט צו די ארבעט און מען קומט אהיים פון די ארבעט, און ביי די ארבעט אליינס במשך פונ'ם טאג, ס'איז ממש שרעקליך!, אידן מאכן מיט שווערע נסיונות ווי יוסף הצדיק יעדן טאג ממש, מען דארף האבן א געוואלדיגע שמירה מען זאל ניצול ווערן, כדי מען זאל קענען זיין עומד בנסיון, דארף מען גיין אנגעטוהן מיט די ציצית פונדרויסן. די ציצית אליינס איז נאכנישט גענוג, אבער דאך עס איז א שמירה, עס העלפט צו.**

**דער** מנהג המדינה איז שוין אזוי אז זומער פארט מען ארויס אינדרויסן פון שטאט, די צוויי חדשים איז מיוחד פאר אפרוה, דארף מען זעהן עס טאקע אויסצונוצן, סיי די זמן ווען מען געפינט זיך דא אין שטאט, אז מען איז מער פריי, מען האט נישט די משפחה, זעהן אויסצונוצן די צייט, מוסיף צו זיין אויף די שיעורי תורה, און אזוי אויך ווען מען פארט ארויס, מען האט די פאר טעג פרייטאג שבת זונטאג, זעהן אויסצונוצן די געלעגנהייט, מוסיף צו זיין אויף די שיעורי תורה, נישט פארברענגען סתם אזוי מיט ארומגיין אויף די אלע פלעצער.

**אין** די א"ידיגע חתם סופר (בהקדמת המו"ל לספר בראשית רחובות קריה אות ה) ברענגט ער אראפ פון הגה"ק רבי נתן אדלער ז"ל, דער מלאך המות איז מלא עינים (עבודה זרה כ:), האט ער געזאגט, אז יעדע פגם הראיה נעמט דער מלאך המות צו זיך, פון די אלע ראיות אסורות ווערט דער מלאך המות מלא עינים. יעצט און די צוויי חדשים, תמוז אב, וואס ווערן אנגערופן חדשי עינים (משנ"ח מס' תמוז אב פ"א), דארף מען זעהן דאס צו מתקן זיין, נזהר זיין אין שמירת עינים, חלילה נישט נכשל ווערן, און מאכן א הכנה אויף די הייליגע טעג, זיין אפגעהיטען במחשבה דיבור ומעשה.

**ס'איז** א מכת מדינה אז ווען מ'פארט ארויס סוף וואך, אנשטאט מען זאל אויסנוצן די צייט, גייט מען ארויס אין די געשעפטן אין וואל-מארט די אלע פלעצער, וואס זוכט א חסיד'ישער אינגערמאן אין די גויא'שע געשעפטען א גאנץ יאר בכלל, און זומער בפרט, ממה נפשך זאכן וואס מען דארף האבן, קען מען שוין היינט צו טאגס ב"ה באקומען אין לאקאלע געשעפטן אויף יעדן פלאץ, און וואס מען דארף נישט, דארף מען דאך נישט. איך וויל געבן אן עצה, אז די בעל הבית'טע פארלאנגט אז מען דארף גיין איינקויפן, ווי מען רופט דאס שאפינג, זאל ער זיך אנטוהן א גרויסן וואלענעם טלית קטן פונדרויסן, וועט מען שוין נישט דארפן גיין.

**וה'** ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום, כל הדרכים בחזקת סכנה, דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן ניצול ווערן פון יעדע מכשול בגשמיות וברוחניות, פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן מיר וועלן זוכה זיין אקעגן צו גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.